# דערנענטערונג און נאָענטקייט צווישן ייִדיש און העברעיִש: פּאַראַלעלן און באַטראַכטונגען

אהרן צייטלין

אַ סך פֿאַלשע געטער האָבן געמוזט צעקלאַפּט ווערן אין דעם ייִדיש-לאַגער מ׳זאָל קענען מאַכן די _אַנטדעקונג_, אַז נאָך אַלעמען איז מען פֿאָרט שטיקלעך כּרובים מיט די העברייער, וואָס ווינען ערגעץ אין אַ פֿאָדער-אַזיאַטיש לאַנד, האָבן עפּעס אַ אוניווערסיטעט אויף אַ באַרג און רעדן לשון-קדוש אין דער וואָכן.... עס בלאָנדזשעט נאָך ערגעץ אַרום די פֿראַגע וועגן די אַנאָנימע מאַסן, וואָס טוען מער גאָרנישט, נאָר שאַפֿן אַ ספּעציִעלע (ריין מיטאָלאָגישע!) _מאַסן-קולטור_. ס׳איז שוין אָבער אַריבער די צײַט פֿון די פּאָליטיק-מאַכער, וואָס האָבן אויסגענוצט ייִדיש צו באַקעמפֿן העברעיִש, ארץ-ישׂראל, אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות מיט דער דרײַ-טויזנט-יעריקייט פֿון אַ פֿאָלק. און אויך דער צד-שכּנגד, די סטראַטעגן פֿון דעם מיליטאַנטישן העברעיִסם, וואָס האָבן געפֿירט די גרויסע מנחם-מענדעלשע מלחמה קעגן דער _זשאַרגאָנישער_ דינסטמויד -- אויך זיי -- מיט זייערע ל״ג-בעומרדיקע פֿײַלנבויגנס זענען אין אַ שטאַרקער סכּנה צו האָבן פֿאַרשפּילט.

איצט, אַפּנים, מעג מען שוין. איצט איז דער אַנטי-ייִדיש קאַמף פּונקט אַזוי באַנקראָט ווי די אַנטי-העברעיִש-מלחמה. איצט זײַנען מיר אַלע די זעלבע אָרעמע-לײַט אויף איין און דער זעלבער קולטור-חתונה. בײַ מיר האָט איר געפּוילט, אַז מ׳וועט גאָר שאַפֿן אויפֿן העברעיִשן אוניווערסיטעט יענע קאַטעדרע, וואָס קלויזנער האָט נישט געוואָלט -- די קאַטעדרע פֿאַר ייִדיש. איך זאָג נישט, אַז דאָס וועט פֿאָרקומען פֿון הײַנט אויף מאָרגן. ס׳וועט געדוירן. איך בין אָבער כּמעט ווי זיכער, אַז אויב ייִדיש וועט ערגעץ-וווּ געלערנט און געפּאָרשט ווערן -- וועט עס זײַן נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אין ירושלם.

אין דעם ייִדיש-לאַגער האָט פּונקט אַזוי געפּלאַצט דער טעראָר פֿון די פּאָליטיק-מאַכער, ווי אין דעם לאַגער פֿון העברעיִש. דער אויטאָריטעט פֿון די פּאַרטיי-לײַט, וואָס האָבן אָנגעוואָרפֿן זייער אידעאָלאָגיע און זי אַרויפֿגעוואָרפֿן, ווי אַ מין כּאָמעט, אויף דעם און יענעם פֿון די ייִדיש-שרײַבער, איז מער בײַ קיינעם קיין אויטאָריטעט נישט. ס׳איז אַוועק די צײַט, ווען אַלע טאָג האָט מען צוגעטראַכט עפּעס אַ נײַ ווערטל און אַרײַנגעפּויקט אין דעם ווי אין אַ בלעכענער פּויק אָנצושרעקן דעם עולם פֿעדער-האַלטערס. ס׳איז אַוועק די צײַט, ווען די, וואָס האָבן געהאַט דאָס באַדערפֿעניש און דעם מוט זיך אַנטקעגן צושטעלן, האָט מען פֿאַרהילכט מיט די זלידנע מאָדע-פּײַקלעך. מ׳איז שוין נישט אַזוי שטאַרק בודק צי מען טראָגט די כּשרע ציצית פֿון _וועלטלעכקײַט_, צי מען גלויבט באמונה שלמה אין _מאַסן-קולטור_,

צי מען איז נישט חלילה, געכאַפּט אין די שוואַרצע פּינטעלעך און צי מען האָט אין קעשענע דעם פּאַספּאָרט פֿון אַן אם-הארץ....

איז כּדאַי צו באַטאָנען איצט, אין אַ צײַט פֿון דערנעענטערונג, אַז ריין שעפֿעריש גענומען, האָבן נײַ-ייִדיש און נײַ-העברעיִש סײַ ווי קיינמאָל קיין מלחמה נישט געפֿירט. נישט צווישן ייִדיש און העברעיִש זענען פֿאָרגעקומען קאַמפֿן, נאָר צווישן פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישיסטן און פּראָפֿעסיאָנאַלע העברעיִסטן. נײַ-ייִדיש און נײַ-העברעיִש האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו שלאָגן. זיי וואַקסן ביידע פֿון איין שורש.

נישט אומזיסט האָבן מיר געהאַט ביז דאָ נישט לאַנג אַ גאַנצן דור ייִדיש-העברעיִש-שרײַבער, וואָס האָבן דאָס נײַע ייִדיש און דאָס נײַע העברעיִש געבויט מיט די זעלבע געצײַג. דער רעזולטאַט איז געווען: זיי האָבן דורכגעייִדישט העברעיִש און דורכגעהעברעיִשט ייִדיש. אַזוי אַרום זײַנען געבויט געוואָרן צוויי שפּראַכלעכע סטילן, וואָס זײַנען געווען און געבליבן פֿאַרברידערט, ווען מען נעמט פֿאַר אַ בײַשפּיל נישט די ווערק פֿון עפּיגאָנען, נאָר די שאַפֿונגען פֿון די פֿונדאַמענט-לייגער.

ווילט איר פֿאָרשן דעם שותּפֿותדיקן וואָרצל פֿון נײַ-ייִדיש און נײַ-העברעיִש -- נעמט נישט די ייִדישע מעשׂה-ביכלעך פֿון אײַזיק-מייער דיק, דער ווילנער משׂכּיל, און אויך נישט די ערשטע העברעיִשע השׂכּלה-ספֿרים מיט זייער אויסטערלישן בראָכוואַרג פֿון פּסוקים. נעמט די חסידישע מעשׂה-ביכלעך, ווו לשון-קדוש האָט זיך געמישט מיט ייִדיש אָדער -- נעמט רב נחמנס מעשׂיות. איך מיין נישט דעם ייִדישן טעקסט זייערן, נאָר גראַד דעם לשון-קודשדיקן. די ייִדישע ווערטער, וואָס איר געפֿינט דאָרט אין מיטן דעם העברעיִשן טעקסט, זענען געווען דער אָנהויב פֿון אַ נײַעם קינסטלערישן דראַנג צו געפֿינען אין דער אוראַלטער פֿאַרהייליקטער שפּראַך נײַע מעגלעכקייטן פֿון אויסדרוק -- לויטן מאָדעל פֿון ייִדיש.

ב

אין דעם זין וועט נישט זײַן קיין פּאַראַדאָקס צו זאָגן, אַז מענדעלע, למשל, האָט נאָר ממשיך געווען דעם פּראָצעס, וואָס רב נחמן האָט אָנגעהויבן און וואָס האָט געפֿונען זײַן אויסדרוק, ריכטיקער: זײַן דראַנג צום אויסדרוק, אין אַזוינע קאָמבינירונגען, ווי: "הכּאָה על הלחי שקורין פּאַטש." הײַנט קלינגט דאָס ווי אַ קוריאָז. אין דער אמתען אָבער האָט הינטער דעם געלעבט אַ נײַער שפּראַכלעכער ווילן, אין דעם פֿאַל: דער קינסטלערישער ווילן אויסצוזוכן אויף העברעיִש אַן עקוויוואַלענט צום קורצן, הילכיקן, ייִדישן _פּאַטש_... דער -- אין פֿלוג קוריאָזער - - אויסטײַטש: "שקורין פּאַטש," האָט זיך גענומען דערפֿון טאַקע.

דער שאַפֿער פֿון דעם מאָדערנעם העברעיִש, -- צי דאָס איז געווען אַ מענדעלע מוכר-ספֿרים אָדער אַ ביאַליק, צי גאָר אַ יהודה שטיינבערג, -- ער האָט, אַמאָל באַוווּסטזיניק, אַמאָל אומבאַוווּסטזיניק, געזוכט דעם העברעיִשן עקוויוואַלענט פֿאַר ייִדישע ווערטער. ער האָט אים אָפֿט געזוכט און נישט איינמאָל געפֿונען און הײַנט זענען די אַלע געפֿינסן געוואָרן אַזאַ זעלבסט פֿאַרשטאַנדלעכקייט, אַזאַ אָרגאַנישער טייל פֿון דעם מאָדערנעם העברעיִש, אַז מ׳באַמערקט אפֿילו נישט זייער אָפּשטאַם פֿון ייִדיש.

דאָס זעלבע, וואָס מיט דעם שאַפֿער פֿון נײַ-העברעיִש, איז פֿאָרגעקומען מיט דעם שאַפֿער פֿון נײַ-ייִדיש. ער האָט נישט איינמאָל געזוכט, געמוזט זוכן, דעם ייִדישן עקוויוואַלענט פֿון דעם אָדער יענעם העברעיִשן אויסדרוק. האָט ער אָדער געפֿונען, אָדער ציטירט, דאָס הייסט: איבערגעלאָזט דאָס העברעיִשע ווי עס גייט און שטייט, אַרײַנגעפֿלאָכטן עס גאַנצערהייט אין דעם געוועב פֿון דער שפּראַך, ענלעך דערצו, ווי ס׳האָט געטאָן, למשל, ברענער, ווען ער האָט אין זײַנעם אַ העברעיִשן טעקסט אַרײַנגעטראָגן גאַנצערהייט דאָס נישט-איבערזעצבאַרע ייִדישע וואָרט: _פֿאַרפֿאַלן_.

אין וואָס, אַ שטייגער, איז באַשטאַנען די גאַנצע אַרבעט פֿון מענדעלע מוכר- ספֿרים, דעם וויכטיקסטן באַשאַפֿער סײַ פֿון דעם נײַ-העברעיִשן, סײַ פֿון דעם נײַ-ייִדישן ליטעראַרישן נוסח?

אָט אין וואָס: ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש אויף העברעיִש און העברעיִש אויף ייִדיש. וואָלט ער נישט געווען דער שפּראַכקינסטלער, וואָס ער איז געווען, וואָלט זיך באַקומען מי-יודע-וואָס. איז אים אָבער די אַרבעט געראָטן און דער _נוסך_ -- ווי ביאַליק האָט עס אָנגערופֿן -- איז געשאַפֿן געוואָרן.

שוין דער נאָמען אַליין -- מענדעלע מוכר-ספֿרים -- איז באַשטאַנען פֿון צוויי טיילן וואָס זײַנען געוואָרן איינס: אַ ייִדיש-שבייִדישער -- מענדעלע, און אַ ייִדיש-לשון-קודשער -- מוכר-ספֿרים. און געטאָן האָט מענדעלע אַ טאָפּלטע אַרבעט, וואָס איז אויך געווען איינס. געזוכט אין דער משנה-שפּראַך דעם עקוויוואַלענט פֿאַר אַ העברעיִשן _ייִדיש_ -- און האָט ייִדיש גופֿא אויסגעהעברעיִשט.

האָט מען געדאַרפֿט -- האָט זיך מענדעלע נישט אָפּגעשטעלט פֿון באַנוצן אַזעלכע ווערטער, ווי: בולבוסים, וואָס דאָס איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי די העברעיִזירטע פֿאָרם פֿון די הוליע-קפּצנדיקע, עכט-ייִדישע _בולבעס_.

דאָס ייִדישע לשון, ווידער, האָט מענדעלע געמאַכט העברעיִשדיק-ערנסט און פֿײַערלעך-געהויבן, געשאַפֿן פֿאַר אים נײַע ריטמען, אַריבערגעפֿלאַנצטע פֿון דער העברעיִשער שפּראַך-טעריטאָריע.

נאָך אַ בײַשפּיל פֿון _העברעיִש אויף ייִדיש_ איז פּרץ, ציטירן איז איבעריק -- נעם און לייען!

ס׳דאַרף נאָר געזאָגט ווערן, ווען מ׳רעט פֿון פּרצן אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, אַז זײַן גאַנצער גאַנג אין שפּראַך איז געבויט אויף דעם רבניש-גאונישן פֿאַרקירצונגס-סטיל -- אויף דעם ״דודי לחכימה ברמזש״ [אַראַמאַיִש ׳ פֿאַר אַ חכם איז גענוג אַ ווונק׳].

פּרץ -- דאָס איז דער מהרש״אַ [מורנו הרב רבי שמועל עיִדעלס] אָדער דער מהר״ם-שיף [מאַהאַראַם= מורנו הרב רבי מעיִר שיף] , וואָס איז אַ קינסטלער געוואָרן און האָט גענומען שרײַבן אויף ייִדיש.

געווען צײַטן, קאַפּריז-צײַטן אין פּרצעס שאַפֿן, ווען ער האָט זיך אונטערגענומען צו בויען אַ מין סאַלאָן-ייִדיש און האָט זיך צוליב דעם אַרײַנגעלאָזט אין דײַטש. אַזוי אין סאַמע אָנהויב פֿון זײַן שאַפֿן, אַזוי גאָר אַראָפּ-צו, אויף דער עלטער, פֿריִער האָט ער געוואָלט פֿאַרסאַלאָנעווען ייִדיש צוליב אַ מאַדאַם, וואָס מען האָט זי גערופֿן: פּויליש-ייִדישע אַסימילאַציע, און וואָס האָט צוגענומען בײַם ייִדישן קינסטלער -- די לעזערין, די ייִדישע פֿרוי.... האָט ער, דער גרויס-מײַסטער פֿון ייִדיש, אין אָנהויב געשריבן ״אויפֿזעצע״ און אַרויפֿגעזונגען סערענאַדיש-הײַנעדיק: ״צו דײַן באַלקאָן פֿליִען מײַנע אויגן״.... דערנאָך, אויף דער עלטער, האָט שוין אַ קאָנקרעטע דאַמע, -- ״די _דאַמאַ בײַם מעער,״ וואָס פֿיגורירט אין זײַנע בריוו, -- פֿאַרנומען די פֿאַנטאַזיע פֿון דעם אַלט-ווערנדיקן פּאָעט, און, מיט אַ געהיים-פֿײַכטן בליק אין איר זײַט, האָט דער זעער פֿון _באַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק_, דער ווונדערלעכער דערציילער פֿון רב שלומהס מעשׂהלעך און פֿון די _פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן_, אַ קערעווע געטאָן צו אַ מין נעאָ-דײַטשמעריזם -- ווידער אַ-לאַ סאַלאָן, סאַלאָן-ייִדיש! אַ חלום געווען -- פּרצעס אַ חלום....

אָבער געבליבן איז פּרצעס ייִדישער ייִדיש -- פּרצעס מהרש״אַ ייִדיש -- פּרצעס ייִדישער לשון-קדוש.

און ביאַליק? מ׳שאַצט אונטער די באַדײַטונג פֿון זײַנע ייִדישע לידער פֿאַר דער סטיל-אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש און זײַנע ערשטע ייִדישע שירים, -- ווער פֿון די אַנדערע ליריקער האָט זיך געקאָנט פֿאַרמעסטן מיט זיי אין דעם פּרט פֿון ריטם און סטיל? ״עס האָט מיך פֿאַרפּלאָנטערט מיט גרינס און מיט שטראַלן״ איז געווען געדרוקט אין די ערשטע יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט און האָט געהאַט דעם נאָך נישט-געוועזענעם, אײַזערנעם כּוח

פֿון דעם העברעיִש-ביאַליקשען ריטם -- אויף ייִדיש. ווענן פּאָעמעס, ווי "דאָס לעצטע וואָרט" -- שוין אָפּגערעדט. דאָס איז בפֿירוש געווען העברעיִש אויף ייִדיש -- מאַכטפֿולער העברעיִש אויף פּראַכטפֿולן ייִדיש. ס'איז געווען סינטעז.

ווײַטער: מיכה-יוסף בערדיטשעווסקיס ייִדישע כּתבים זײַנען אַ שטיק לשון-קודש אויף מאַמע-לשון און זײַנען צוגלײַך אַ חשובער טייל פֿון נײַ-ייִדישער ליטעראַטור.

גייען מיר צו די אַנדערע אבֿות פֿון דער נײַער ליטעראַטור בײַ ייִדן -- טרעפֿן מיר אָן, אין דער פּראָזע, אויף דעם שוין דערמאָנטן יוסף-חיים ברענער. ער האָט אָפּט געשריבן ייִדיש אויף העברעיִש -- און ווער, חוץ אַ טעמפּן פּוריסט, וועט עס אים פֿאַר אומגוט נעמען? עס איז גראָד נישט געווען קיין פֿאַרלאַטעטער העברעיִש בײַ אים. פֿול מיט סטיליסטישע לאַטעס קומט אַרויס דאָס ביסל העברעיִש דווקא בײַ דעם אָדער יענעם מישטיינס געזאָגטן פּוריסט. ברענערס העברעיִש האָט טיף געוואָרצלט אין בית-מדרש. צוגלײַך האָט ער געצויגן זײַן ינוקא פֿון ייִדיש -- און קיין שום ווידערשפּרוך איז דאָ נישט געווען. שוין דערפֿאַר אַליין נישט, ווײַל אויך ייִדיש גופֿא איז נישט געבוירן געוואָרן דווקא אין יאַטקע-געסל, ווי עס מיינען, אַ חוץ שׂונים פֿון ייִדיש, אויך יענע ראַדיקאַלע ייִדישיסטן, וואָס רעדן זיך איַין, אַז ייִדיש איז געווען פֿון געבוירן אָן דאָס, וואָס זיי פֿאַרשטייען אונטערן וואָרט וועלטלעך. ניין, מתּתיהו מיזיש, איינער פֿון די באַקאַנסטע און אַמאָפּצטן ציטירטע ייִדיש-פֿאָרשער, האָט שוין לאַנג אָנגעוויזן, אויף דער שול-אָפּשטאַמונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך: אויף איר רעליגיִעז-ליטורגישן ייִחוס.

אַ צווייטער קלאַסישער בײַשפּיל פֿון ייִדיש אויף העברעיִש -- כאָטש אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער ווי בײַ ברענערן -- איז בערקאָוויטשעס באַוווּסטע איבערזעצונג פֿון שלום-עליכמען. דאָ האָבן ייִדיש און משנה-העברעיִש זיך דערלאַנגט די האַנט און זיך אַזוי טיף אַרײַנגעקוקט איינער אין אַנדערנס פּנים, אַז עס הויבט זיך אָן צו דאַכטן; דאָס וואָס מיר רופֿן ייִדיש, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ המשך פֿון דער משנה-שפּראַך, און דאָס וואָס מיר רופֿן משנה-שפּראַך, איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי ייִדיש לשון אין אַראַמייִשן נוסח.

און ש. אַגננס העברעיִש? וואָרצלט ער נישט אין דעם ייִדיש-העברעיִש, אָדער העברעיִש-ייִדיש, פֿון די חסידישע ספֿרמלעך, פֿון דע צדיקישע "סיפּורי-מעשׂיות"?

און אויך צו אים האָבן פּוריסטן געהאַט טענות. האַלעמײַ ער "מישט." זיי האָבן פֿאַרגעסן, אָדער קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז אַלדאָס קינסטלעריש

און נאַציאָנאַל ווערטפֿולע סײַ אין דער נײַ-העברעיִשער, סײַ אין דער נײַ-ייִדישער ליטעראַטור איז אַרויסגעקומען גראָד פֿון אָט דער _מישונג_.

האָט דען ביאַליק זיך נישט פֿאַרנומען מיט ״מישן״ דעם גײַסט פֿון ביידע שפּראַכן, בעת ער האָט געשאַפֿן זײַנע ״שירי-עם״? און האָט עס געשטערט די ״שיר-עם״ זײַנע צו זײַן קינסטלעריש ריין און אויסגעהאַלטן?

אַפּנים, די מישונג, וואָס פֿון איר רעדט זיך דאָ, איז אין דער אמתען גאָר קיין מישונג נישט. עס רעדט זיך נאָר אַזוי. עס איז, משמעות, נישט מער ווי אַ צוריקגעפֿינען פֿון איין און דער זעלבער זאַך. וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין צווייערליי לבושים אָדער, זאָגן מיר, אַן אַנטפּלעקן פֿון איין אין דעם זעלבן פּנים -- דעם ייִדיש-נאַציאָנאַלן -- וואָס האָט, ווי איטלעך פּנים, נישט איין זײַט, נאָר צוויי.

ג

דער פּראָצעס פֿון קעגנזײַטיקן נעמען צווישן דעם נײַעם העברעיִש און דעם נײַעם ייִדיש האָט די לעצטע יאָרן אויסגעזען ווי אָפּגעשטעלט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל. פֿאַרשידענע סיבות האָבן געפֿירט דערצו: מ׳האָט זיך פֿון ביידע צדדים געוואָרפֿן דעם גט אין פּאָנים אַרײַן. שׂונים פֿון שלום-בית, פּאַרטיי-פּאָליטישע קאָכלעפֿל און רעדל-דרייער, האָבן אָנגעמאַכט אַ בייז לעבן. דאָס פּאָרפֿאָלק האָט זיך צעקריגט און אַפֿילו ביאַליק, איינער פֿון די ערשטע מחותּנים, האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק אַרײַנצוזאָגן דעם צד ייִדיש ״אַזוי און אַזוי.״ גערעדט וועגן 18 ״ייִדישן״ און אויפֿגעוויזן, אַז אויב ייִדיש וועט זיך ווײַטער גרויסן -- וועט מען מאַכן אויס שידוך, ווײַל, פֿאַרשטייט איר מיך, דער ייִחוס איז קיין ייִחוס נישט. און דאָס שענסטע דערפֿון איז געווען, וואָס אחוץ מיט זײַנע אייגענע שירים אויף ייִדיש, וואָס זענען שוין פֿאַר זיך אַליין געווען אַ שטיק ייִחוס, האָט ביאַליק אַפֿילו מיט די העברעיִשע שירים זײַנע באַשטעטיקט דעם נאַציאָנאַלן ייִחוס פֿון -- ייִדיש.

ווי אַזוי?

אָט איז אַ בײַשפּיל: ווען ביאַליק האָט, למשל, אין איינעם פֿון זײַנע באַקאַנטסטע שירים (״ואם ישאל המלך״) פֿאַרגליכן אַן איינציק כּמאַרעלע צו דעם הימלס אַ ״בת-יחידה״ -- איז עס געווען העברעיִש, אָבער אויף ייִדיש, וואָרעם אַ בת-יחידה איז, לויט דעם צוזאַמענשטעל פֿון די ווערטער, טאַקע העברעיִש, איז אָבער ייִדיש לויט דער געפֿילפֿאָרם, לויט דעם עמאָציאָנעלן אינהאַלט נאָך.

און ווען מאָדערנע העברעיִשע ליריקער אין ארץ-ישׂראל שרײַבן: אַבאלע, איִמהלע -- איז עס אַוודאי און אַוודאי ייִדיש: טאַטעלע, מאַמעלע,

יעדער איינער וועט אײַך זאָגן, אַז די דאָזיקע פֿאָרם פֿון דימינוטיוו איז גענומען דירעקט פֿון ייִדיש -- און ווידער דאָס אייגענע: מ'דאַרף זען אַ נאַרישער מומיפֿיצירטער פּוריסט נישט אײַנצוזען, ווי נויטיק עס איז געווען אַזאַ סאָרט פֿאַרייִדישונג. העברעיִש האָט נישט קיין פֿאַרקלענערונגס-פֿאָרם - - אָבער ניי-העברעיִש, וואָס איז עמאָציאָנעל פּונקט אַזאַ נאָענטער קרוב מיט ניי-ייִדיש, ווי גלות-ייִדן און ארץ-ישׂראל-ייִדן זענען ברידער פֿון די זעלבע טאַטע-מאַמע, ניי-העברעיִש האָט זיך שוין אָן דער לירישער אינטימער פֿאַרקלענערונגס-פֿאָרם נישט געקענט באַגיין. האָט מען גענומען דעם _טאַטעלע_ און ס'איז געוואָרן: _אַבאלע_, די _מאַמעלע_ -- און ס'איז געוואָרן _אִימהלע_.

די ייִדישע ענדונג איז גענומען געוואָרן ווי זי גייט און שטייט. פּונקט אַזוי האָט ברענער, ווי געזאָגט, אַרײַנגעשטעלט אין זײַן העברעיִש דעם ייִדישן _פֿאַרפֿאַלן_, וואָרעם -- פֿאַרפֿאַלן: ער האָט פֿאָרט געמוזט האָבן דעם _פֿאַרפֿאַלן_, און אַזוי ווי קיין שום לשון, אפֿילו נישט דאָס וווּנדער-רײַכע העברעיִש, פֿאַרמאָגט נישט קיין איבערזעצונג דערפֿאַר, האָט ער _פֿאַרשוואַכט_ די ריינקייט און האָט אָן שום חכמות אַרײַנגעקרעכצט דעם _פֿאַרפֿאַלן_ אין זײַן העברעיִשער פּראָזע אַרײַן.

און פֿאַרוואָס זאָל אַ מאָדערן העברעיִש נישט נעמען פֿון ייִדיש אין פֿאַלן ווען מען דאַרף און מען מוז? עס איז אין הסכּם מיט דער בעסטער טראַדיציִע. און פּונקט אַזוי איז אין הסכּם מיט דער בעסטער טראַדיציִע, ווען ייִדיש נעמט פֿון העברעיִש. ווײַל מיר זענען איין פֿאָלק -- די ייִדיש-ייִדן אַזוי גוט ווי די העברעיִש-ייִדן -- און מיר שעפּן ממילא פֿון איין קוואַל. מיר האָבן איין קולטור -- אָדער מיר האָבן איבערהויפּט קיין קולטור נישט. עס עקזיסטירן דאָך נישט קיין אויסער-נאַציאָנאַלע קולטורן. פּונקט ווי עס קענען נאָר טעאָרעטיש עקזיסטירן _קאָסמאָפּאָליטן_. דאָס ווערטל _מאַסן-קולטור_, וואָס האָט געדאַרפֿט שאַפֿן די אילוזיע פֿון אַ קולטור, וואָס איז אַלץ וואָס מען וויל, נאָר נישט נאַציאָנאַל. -- אָט דאָס ווערטל האָט טאַקע געהאַט אַ פּנים פֿון חוזק און אַ טעם פֿון חלשות.

ד

גערעדט וועגן די שותּפֿותדיקייטן -- דאַרף מען זאָגן אַ וואָרט אויך וועגן די אונטערשיידן.

ייִדיש איז פֿון אָנהויב אָן געווען אומביבליש, אַזוי-צו-זאָגן, בתמדרשדיק-גלותדיק. טאַקע אָט די אומביבלישקייט פֿון ייִדיש האָט עס געפֿירט מענדעלען, בעת זײַן זוכן דעם ייִדיש-עקוויוואַלענט אויף העברעיִש, זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם פּסעוודאָ-ביבלישן פּסוקים-העברעיִש פֿון דער השׂכּלה און צו באַנייַען די משנה-שפּראַך.

דאָס נײַע העברעיִש איז אָבער קיינמאָל נישט אַוועק פֿון די ביבלישע קוואַלן, אפֿילו נאָך דעם ווי עס זענען צוריק אַנטדעקט געוואָרן די שפּעטערדיקע -- די אַזוי צו זאָגן, גלותדיקע -- געאָלאָגישע שיכטן פֿון דער שפּראַך.

ייִדיש, ווידער, איז געבליבן אומביבליש -- אויך נאָך דעם ווי עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו שאַפֿן ביבל-סטיל אויף ייִדיש.

צי איז עס אָבער אַ געזעץ, אַ מוז-זאַך, אַ _חוק ולא יעבר_? איך מיין: צי מוז טאַקע ייִדיש בלײַבן אומביבליש און זיך אַזוי אַרום -- אויף אָט דעם אָפּשניט -- אינערלעך אָפּגרענעצן פֿון העברעיִש, נישט געקוקט אויף אַלע אינטימע קולטור-שײַכותן צווישן דיביידע שפּראַכן?

אַ גרויסן שטופּ פֿאַרויס האָט דאָס ביבלישע אויף ייִדיש געקראָגן די לעצטע יאָרן דורך יהואשעס איבערזעצונג פֿון דעם תּנ״ך. און אָט ליגט פֿאַר מיר אַ נײַע בוך פֿון דוד איגנאַטאָוו -- די ביבלישע דראַמע _פֿאַר אַ נײַער וועלט_.

איז עס שוין קרעאַטיווער, פֿון זיך אַליין קומענדיקער תּנ״ך-ייִדיש. אַ נײַער נואַנס, הייסט עס, פֿון ייִדיש-העברעיִשער שײַכות. אַ נײַ-צוגעקומענע שאַטירונג.

איגנאַטאָווס טעמע איז די געשיכטע מיט יפֿתּחס טאָכטער. איז דאָ, פֿאַרשטייט זיך, זייער לײַכט געווען אַרײַנצופֿאַלן אין דעם באַקאַנטן ביבלישן, אָדער כּמו-ביבלישן, שאַוולאָן. איז אָבער איגנאַטאָוו אין זײַן נײַעם ווערק אַזוי באמתדיק-ביבליש, אַז אפֿילו די נײַ-העברעיִשע ליטעראַטור אַליין, -- מיט אירע וווּנדערלעכע ביבלישע המשך-פּרוּוון, וואָס אַ טייל פֿון זיי, ווי, למשל, טשערניכאָווסקיס ״שיר השירים אַשר לשאוּל,״ זענען גלאַנץ-דערגרייכונגען. -- אפֿילו זי, זאָג איך, מעג מקנא זײַן דעם נײַעם ייִדיש אַזאַ פֿאַרטיפֿן זיך אין תּנ״כישקייט. וואָלטן אַזעלכע ווערק ווי איגנאַטאָווס איבערהויפּט מעגלעך געווען, ווען ייִדיש און העברעיִש וואָלטן נישט געווען קינדער פֿון איין מאַמען -- קינדער פֿון איין און דער זעלבער נאַציִאָנאַלער קולטור?

איך גיי דאָ נישט רעצענזירן איגנאַטאָווס בוך מעשׂה קריטיקער. איך לאָז זיך דעריבער נישט אַרײַן אין אַנאַליזירן, כאָטש, דעם אמת געזאָגט, די אידעע פֿונעם בוך -- קאַמף פֿון דעם אייביק-געטלעכן און אייביק-מענטשלעכן אין אונדז קעגן דעם געצנדינערישן און חיהשן -- איז אַזוי נאָענט צו מיר און צו אונדז אַלעמען, אַז עס וואָלט זיך געלוינט צו רעדן וועגן די אַלע זאַכן ברייטער, בפֿרט, אַז זיי באַקומען ביי איגנאַטאָוון אַזאַ אָריגינעלן אויסדרוק.

איך רעד דאָ פֿון איגנאַטאָווס נײַעם בוך, ווײַל אין אַזעלכע ווערק איז קודם-כּל פֿאַראַן אַ גינסטיקער קינסטלערישער אויסוועג פֿאַר דער אומביבלישקייט פֿון ייִדיש -- אַ נײַ ווינקל אין די אינטימע שײַכותן צווישן דער העברעיִשער און ייִדישער העמיספֿערע פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

ה

איך וויל רעזומירן:

לויט דעם שפּראַכלעכן מאַטעריִאַל נאָך זענען העברעיִש און ייִדיש צוויי פֿאַרשיידענע לשונות, כאָטש ייִדיש פֿאַרמאָגט פֿון אָנהייב אַזאַ שטאַרקן העברעיִשן עלעמענט און אפֿילו אַזעלכע העברעיִזמען, וואָס זענען נאָך אין העברעיִש גופֿא נישט בנמצא און וואָס אַ טייל פֿון זיי איז ערשט שפּעטער, דורך די נײַ-העברעיִשע פּראָזײַיִקער, אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער שפּראַך -- פֿון ייִדיש אַרויס.

אָבער דער גײַסט, וואָס פֿאַרבינדט ייִדיש און העברעיִש, איז אַ סך שטאַרקער ווי דער גײַסט וואָס צעשייט זיי. זיי זענען קרובים שוין דערפֿאַר אַליין, ווײַל זיי האָבן געהאַט די לעצטע דורות בעשותּפֿותדיקע טאַטעס -- אַזעלכע ייִדיש-העברעיִשע און העברעיִש-ייִדישע שעפֿער, ווי מענדעלע מוכר-ספֿרים, יצחק-לייבוש פּרץ, חיים-נחמן ביאַליק און נאָך אַנדערע, גרויסע און קלענערע צוויי-שפּראַכיקע וואָרט-קינסטלער.

דאָס נײַע ייִדיש און דאָס נײַע העברעיִש האָבן גענומען איינס בײַם אַנדערן אַ סך מער ווי מען שטעלט זיך פֿאָר. דאָס איז פֿאָרגעקומען, דער עיקר, אין די יאָרן פֿון קריסטאַליזירונג. אויב די לעצטע יאָרן האָט זיך דער פּראָצעס פֿון קעגנזײַטיקער השפּעה אַזוי ווי אָפּגעשטעלט -- איז דאָס נישט געווען קיין רעזולטאַט פֿון אַ נאַטירלעכער פֿרעמדקייט, נאָר גיכער פֿון אַ קינסטלעכער, אָפֿט בייזוויליקער, צעשטערונג פֿון דעם נאַטירלעכן שלום-בית.

זענען אָבער בײַם הײַנטיקן טאָג נישטאָ קיין מניעהס, אַז דער שלום-בית צווישן ייִדיש און העברעיִש זאָל ווערן באַנײַט און פֿאַרשטאַרקט. וועגן, ווי אַזוי דעם שלום-בית צו באַפֿעסטיקן, זענען פֿאַראַן -- זאָל נאָך קלעקן אויף לאַנג דער גוטער ווילן. אַ פֿלײַסיקע אַרבעט פֿון קעגנזײַטיקן איבערזעצן און באַקענען זיך דאַרף געטאָן ווערן פֿריִער פֿאַר אַלץ, אויב מען וויל, אַז די איצטיקע שטימונג פֿון און פֿאַר דערנענטערונג זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין, אַזוי צו זאָגן, קינעטישער קולטור-ענערגיע.

ס'וועט די איזאָלאַציִאָניסטן גאָרנישט העלפֿן : זיי וועלן נישט באַוויַיזן אָפּצוטיילן די ביידע שפּראַך-העמיספֿערן, וואָס פֿון זיי איז צונויפֿגעשטעלט אונדזער ייִדישע וועלט.